בס״ד

# פרד״ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע״י יהודה זבולון הלוי קליטניק

פרשת חיי שרה תשפ״ו | שבת מברכין | חיי שרה תשס״ט - תשפ״ו | גליון 818 [שנה י״ח]

**ברוך שהחיינו וקיימנו לזמן הזה און א שבח והודיה פאר'ן באשעפער: עס איז שווער צו גלייבן אז מיר האלטן שוין מיט דעם גליון 17 טו״ב יארן און אז מיר גייען יעצט אריין אין דעם אכצעגטן יאר פון פרדס יהודה - פון ווי' שרה תשס״ט- און בעזה״י איז דער גליון אנגענומען געווארן אין די גאנצע וועלט כן ירבו וכן יוסיף, אדאנק די אלע לייענער'ס פאר זייערע כסדרדיגע דברי וזיזוק, און א ברכה פאר אלע - עוֹד יְנוּבוּן בְּשֵׂיבָה דְּשֵׁנִים וְרַעֲנַנִּים יִהְיוּ-, פריש און געזונט לנצח נצחים עם ביאת גואל צדק אמן.**

**דער ענין פארוואס שטייט 10 מאל בְּנֵי חֵת!**

וַיָּקָם אַבְרָהָם מֵעַל פְּנֵי מֵתוֹ וַיְדַבֵּר אֶל בְּנֵי חֵת לֵאמֹר: (כג ג) שטייט אין בעל הטורים עס שטייט דערמאנט 10 מאל אין די פרשה בְּנֵי חֵת, צו לערנען אז דער וואס העלפט פאר א ת״ח אז א מקח זאל ווערן, איז גערעכענט אזוי ווי ער האט מקיים געווען די עשרת הדברות וואס דארטן אין דא 10 מאל די אות ח׳. איז א תמיה אז אין די פרשה פון קויפן דער מערת המכפלה שטייט נאר 8 מאל בְּנֵי חֵת? און אויב מען וועט רעכענען דאס וואס שטייט ענדע פון חיי שרה (כה י) הַשָּׂדֶה אֲשֶׁר קָנָה אַבְרָהָם מֵאֵת בְּנֵי חֵת: און דאס מיינט אויך פרשה, פעלט נאך איינער? אינטערעסאנט אז דער **דעת זקנים בעלי התוספות** ברענגט דער ווארט פון בעל הטורים אבער זיין גירסא איז עשר פעמים "בתורה" ,נישט בפרשה, און מיט דעם קען מען שוין פארענטפערן ווייל עס שטייט טאקע אין (ויחי מט לב) מִקְנֵה הַשָּׂדֶה וְהַמְּעָרָה אֲשֶׁר בּוֹ מֵאֵת בְּנֵי חֵת: קומט אויס אז אין **סדר בראשית** שטייט בְּנֵי חֵת 10 מאל, יעצט קומט **א דריטע שיטה**, דער מדרש (בראשית רבה נ״ח ח׳) וואס ברענגט אויך דער מאמר וז״ל **עשרה פעמים כתיב בני חת, עשרה כנגד עשרת הדברות:** דא שטייט נישט "בפרשה" און נישט "בתורה", ווייל דער עיקר לימוד איז פון דעם שטיין בכלל 10 מאל בְּנֵי חֵת, אז ווען מען באהאנדלט שיין א צדיק ביי א מקח מיט ארנטלעכקייט, באצאלט אים דער אויבערשטער גרויס שכר. (זבד טוב זאב פאפרש, באשריבן אין דעם גליון) איך האב געזען אין **ספר התפוח** (החכם ה״ר יוסף בן החכם ר׳ משה אלאשקר פון די חכמי ספרד) ער ברענגט דעם מדרש און איז מוסיף אז די פארקערטע זאך זעהט מען ווער עס באהאנדלט נישט שיין א צדיק ביי א מקח וועט זיין עונש זיין גרויס, און דאס זעהט מען פון עֶפְרוֹן וואס האט נישט באהאנדלט אברהם מיט ארנטלעכקייט, האט מען אוועק גענומען פון אים א ו׳, ווערט דאס עֶפְרֹן דעם מספר פון ר״ע עי״ן =400. איז א מוסר השכל אז כל שכן א איד וואס באהאנדלט און איז מכבד א צדיק און א תלמיד חכם וועט זיין שכר זיין זייער גרויס. (המו״ל תשפ״ו)

**פארוואס האט לבן געוואלט שטארק געבן עסן און שלאפן פאר אליעזר?**

וַיּוּשַׂם לְפָנָיו לֶאֱכֹל וַיֹּאמֶר לֹא אֹכַל עַד אִם דִּבַּרְתִּי דְּבָרָי וַיֹּאמֶר דַּבֵּר: (כד לב) די וועלט פרעגט פארוואס האט **אליעזר** נישט געוואלט עסן פאר ער האט גערעדט? מען וואלט געקענט ענטפערן א מהלך ווייל עס שטייט פריערט: וַיָּרָץ לָבָן אֶל הָאִישׁ הַחוּצָה אֶל הָעָיִן: פרעגט רש״י וועגן וואס האט לָבָן געלאפן צו אליעזר ביי די באר? און ענטפערט וַיְהִי כִּרְאֹת אֶת הַנֶּזֶם וְאֶת הַצְּמִדִים עַל יְדֵי אֲחֹתוֹ, ער האט געזען אז אויב פאר העלפן אנשעפן וואסער האט אליעזר געגעבן אזא מתנה, איז א סימן אז ער איז א גביר עכ״ד רש״י, האט לָבָן געמאכט א חשבון אז ער וועט איינלאדענען אליעזר פאר א סעודה און אויף שלאפן, וועט אליעזר אים אויך געבן א גרויסע פארמעגן, אבער אליעזר איז געווען א חכם און גלייך געכאפט די כוונה פון לָבָן, און געזאגט לֹא אֹכַל עַד אִם דִּבַּרְתִּי דְּבָרָי, דאס וואס איך האב געגעבן די טייערע צירונגען פאר רבקה, וַיֹּאמַר עֶבֶד אַבְרָהָם אָנֹכִי: ווייל מיין האר אַבְרָהָם האט מיר געגבן רשות צו געבן א שיינע מתנה איז נאר כדי צו קענען מקדש זיין א פרוי, אבער אויף אנדערע זאכן דארף איך האבן רשות פון מיין האר. (מגד ירחים ח״ג מהרב יוסף חיים הכהן ווייס מאטמאר) לויט דעם שיינעם פשט וואלט מען געקענט מחדש זיין, אז מען זעהט א גדלות פון **אליעזר** אז ער איז געגאנגען מיטן **אמת** און האט נישט געוואלט אפנארן לָבָן, מיינענדיג אז ער וועט באקומען אויך געלט, און אז מען קוקט אין די פרשה זעהט מען נישט אז לָבָן האט נאכדעם געגעבן צו עסן פאר אליעזר, נאר פארקערט לָבָן האט נאר געזאגט הִנֵּה רִבְקָה לְפָנֶיךָ קַח וָלֵךְ, קענסט גיין, און ווען לָבָן האט מסכים געווען צום שידוך שטייט (פסוק נ״ג) וַיּוֹצֵא הָעֶבֶד כְּלֵי כֶסֶף וּכְלֵי זָהָב וּבְגָדִים וַיִּתֵּן לְרִבְקָה וּמִגְדָּנֹת נָתַן לְאָחִיהָ וּלְאִמָּהּ: (נד) וַיֹּאכְלוּ וַיִּשְׁתּוּ הוּא וְהָאֲנָשִׁים אֲשֶׁר עִמּוֹ, אז **אליעזר** האט גאר געגעבן זיין עסן פון צו לָבָן! (שמח זבולון תשפ״ו)

**ידיעות וועגן פריערדיגע ספרים און מחברים ספר "זבד טוב"** [פרק טז]

א שיינע ספר אויף תורה געשריבן דורך א ת״ח, פון די הסכמות זעהט אויס אז ער איז נישט געווען קיין רב אבער ער האט באקומען הסכמות פון די גרעסטע רבנים אין זיין צייט: דער הייליגע דברי יחזקאל דער שינאווא רב, הגאון ר׳ יצחק שמעלקיש אב״ד פרעמישלא און לבוב בעל שו״ת בית יצחק, הגאון ר׳ שלום מרדכי הכהן אבד״ק ברעזאן שו״ת המהרש״ם, הגאון ר׳ דובעריש הכהן ראפאפורט אב״ד דק״ק ראווא ומח״ס דרך המלך, הגה״צ רבי מאיר יהורא שפירא וצ״ל אדמו״ר בוקאווסק בעל אור למאיר, הגה״צ רבי שלמה מאייער אדמו״ר מסאסוב, הגה״צ רבי יוסף בנימין רייך אב״ד העליטש בעל בני יוסף ובני בנימין, אלע שרייבן שטארקע טיטלען אויף אים: הרב חחריף המופלג, חסיד המופלג, מוכתר בנימוסין שלשלת היחס, און דער שינאווא רב שרייבט "רודף צדקה וחסד" ווייל ער איז געווען בעל הבתיש, ער האט געוואוינט אין פרעמישלא, אויפן שער שטייט "להבין דעת קדושים התרגום ורש״י ובעל הטורים ותרגום יונתן פעם בהבנת הפשט ופעם שנראה כסותר ולפעמים נמשך מענין לענין איזו פלפול לסוגיית הש״ס כאשר יראה הקורא ולפעמים איזו חידוש בדרך דרש גם בדרך רמז כל אשר שלח ה׳ ברעיוני אשר היה נראה לו כי חדש הוא אשר חנן ה׳ אותי השפל והפעוט זאב בהרבני החסיד הי״ש באמת מו״ה דוב בעריש פאפרש זצ״ל מבראדי", דער ספר איז געדרוקט אין פרעמישל שנת תרנ״ה, און שפעטער אין תשע״ד האט מכון נצח יעקב דאס איבערגעדרוקט מיט הערות און מראה מקומות אשרי להם, עס איז א זייער באטאמפטע ספר, אין תרנ״ט האט ער ארויסגעגעבן זיין חיבור אויף ש״ס מיט פלפולים און דארטן ברענגט ער זיין יחוס באריכות, זיע״א.


ספר

זבד טוב

חידושים על חמשה חומשי תורה

להבין דעת קדושים, התרגום ורש״י ובעה״ט, ותרגום יונתן, פעם בהבנת הפשט, ופעם שנראה כסותר, ולפעמים נמשך מענין לענין, איזו פלפול לסוגיית הש״ס, כאשר יראה הקורא; ולפעמים איזו חידוש בדרך דרש גם בדרך רמז, כל אשר שלח ה׳ ברעיוני, אשר הי׳ נראה לי כי חדש הוא. אשר חנן ה׳ אותי השפל והפעוט,

זאב בהרבני החסיד הי״ש באמת מוה׳ בעריש פאפרש זצ״ל מבראדי.

נדפס בפרעמישלא תרנ״ה בדפוס זופניק קנאללער ע״ע האמערשמיד

Zewed Tow

Verl. WOLF POPERS Przemyśl.

1895

מדור העובדות

## *****הגה"ק ר' נפתלי הירצקא מראצפערט זצוק"ל העלפט א איד מיט זיין פרנסה באופן פלא*****

הגאון הקדוש ר' נפתלי הירצקא בן מוה"ר יעקב פרץ הלוי מראצפערט זצוק"ל ער איז געווען א בן אחר בן פון הגאון הגדול רבינו שמואל הלוי בעל הט"ז, ער איז געווען מקושר מיט הגה"ק רבי הערשל מליסקא בעל אך פרי תבואה, און הרה"ק ר' אשר ישעיה מראפשיץ און דעם הייליגן דברי חיים מצאנז וואו ער פלעגט פארן דארטן אויף ימים נוראים וימים טובים, ער איז געווען א גרויסער פועל ישועות און פלעגט טיילן סגולות, איינע איז א סגולה נגד מייז, לאזן די אפיקומן אינדרויסן און די מייז וועלן דאס עסן ואין מפטירין אחר הפסח אפיקומן, זיינע תורות און תולדות איז געדרוקט אין ספר זכרון נפתלי. (נפ' ערב יום הקדוש שנת תרנ"ח).

הגאון מוה"ר אברהם מאיר איזראעל זצ"ל האבדק"ק הוניאד בעמ"ח אמרי אברהם ושו"ת ויען אברהם, (נפטר ג' באייר ה'תשנ"ה) האט דערציילט אז א איד, נחמן, וואס האט געוואוינט לעבן ראצפערט האט געוואלט עפענען א שענק פון פארקויפן וויין און בראנפן, און מען האט געמוזט האבן א רשיון פון די רעגירונג, ביי אים אין שטאט איז געווען א גוי וואס האט געהאט א שענק און האט געהאט א רשיון און ווען ער האט זיך דערוואוסט אז נחמן האט אנגעגעבן א בקשה צו באקומען א רשיון, האט ער אלעם געטאן מעגלאך מיט רשעות ער איז געווען נאנט מיט אלע שרים און זיי געשמירט אז מען זאל נישט געבן דעם איד קיין רשיון.

נחמן האט אויך אויסגעגעבן געלט און צייט און געמאכט שתדלנות, אבער ווען עס קומט צו העלפן א איד, ווען א גוי שטייט אנקעגן איז געווען פארמאכט אלע טויערן. א איד איז זיך נישט מייאש און האט געזוכט עצות ביז ער האט אויסגעפונען אז אין שטאט דעברעצין איז דא די העכסטע שר אויף די געלט ענינים פון גאנצן געגענט און ער איז א געזעצטע מענטש און ער קען געבן א רשיון אפילו די קלענערע שרים ווילן נישט געבן, אבער מען האט אים געזאגט אז ער וועט מוזן נעמען א בריוו המלצה פון א שופט אין געגנט וואס ער איז נישט געווען קיין אוהב ישראל, אבער איז געווען א אוהב ממון און מיט שוחד וועט ער אים געבן א ווארעמע בריוו, און מיט דעם בריוו זאל ער גיין צום הויפט שר אין דעברעצין.

נחמן האט באשטימט א צייט זיך צו טרעפן מיטן שופט און פארגעלייגט זיין בקשה און געלייגט אויפן טיש א שיינע נתינה און דער שר האט געזאגט ער וועט אים שרייבן א בריוו, נחמן ווארט און דער שר שרייבט אפ א בריוו און זיגעלט דאס מיט זיין וואקסענע זיגל אז מען זאל דאס נישט קענען עפענען אן צורייסן דעם זיגעל, און ווינטשט אים הצלחה, נחמן איז געווען מלא שמחה און האפט אז ער וועט יעצט מצליח זיין באקומען א רשיון, אויפן וועג קיין דעברעצין האט ער באזוכט ר' נפתלי הירצקא אין ראצפערט און דערלאנגט אים א קוויטל און דערציילט אלעם וואס איז געשען און אז ער האט דא די בריוו פארן שר.

ר' נפתלי הירצקא ליינט דעם קוויטל און שאקלט מיטן קאפ עטליכע מאל און חזרט איבער ווערטער, וואס נחמן האט גלייך נישט געכאפט אבער נאך זיך בעסער איינהערן האט ער געהערט ווי דער רבי זאגט דעם פסוק אֲשֶׁר פִּיהֶם דִּבֶּר שָׁוְא וִימִינָם יְמִין שָׁקֶר (תהלים קמד ח): נחמן איז געווען א פשוטער דארפס איד און נישט פארשטאנען וואס דער רבי מיינט! נאך א פאר מינוט זאגט אים דעם רבין פאר יעצט צום שר און דער אויבערשטער וועט דיר העלפן.

נחמן פארט קיין דעברעצין און איז געגאנגען באזוכן זיינעם א באקאנטער זיך אביסל אפרוהען פון וועג און עפעס טועם זיין און דערציילט אים אלעם וואס איז געווען און אויך וואס דער רבי האט געשאקלט מיטן קאפ און האט איבער געחזרט דעם פסוק אֲשֶׁר פִּיהֶם דִּבֶּר שָׁוְא וִימִינָם יְמִין שָׁקֶר: זיין חבר איז געווען א חסידישער איד און א ת"ח, און האט פארשטאנען אז דער רבי רעדט נישט דברים בטלים און עס איז זיכער אז דער רבי האט ברוח קדשו געזען אז דער בריוו טויג נישט און האט געזאגט אז ער מיינט אז מען זאל עפענען דעם בריוו און זעהן וואס שטייט אינעווייניג, און נאכדעם וועט מען עס גוט פארמאכן.

ווען מען האט געעפענט דעם בריוו און זיין חבר ליינט דאס איז ער געווארן דערשראקן און נישט זיך געקענט בארוהיגן וואס ער האט געליינט: "דער איד איז א נידעריגער מענטש און ער איז געקומען צו מיר יעדן טאג און געמוטשעט איך זאל אים געבן א בריוו פארן געשעצטער שר אז ער זאל אים געבען א רשיון צו פארקויפן משקאות, און באמת האט ער נישט קיין רעכט צו באקומען א רשיון ווייל עס איז דא א גוי וואס האט דער רשיון, אבער ער האט נישט געקענט אים אפזאגן דעריבער האב איך אים געשריבן דעם בריוו, אבער איר זענט א קלוגער מענטש און דו פארשטייסט וואס מען דארף זאגן פאר דעם איד און חתמעט".

נחמן איז געווען אויסער זיך און געדאנקט זיין חבר פאר עפענען דעם בריוו, ווייל מיט אזא בריוו וואלט ער זיכער נישט באקומען א רשיון, אבער זיין חבר האט געזאגט אז דער רבי האט דאס אלעם געזען און ער האט דיר געגעבן א ברכה אויף הצלחה, מיין איך אז דער בריוו זאלסטו אוועקווארפן און בלייב דא אין דעברעצין און מיר ווען זוכן עצות ווי אנצוקומען צום שר אויף א גוטן אויפן, דער אויבערשטער האט געהאלפן אז א גרויסער סוחר וואס האט געהאט נאנטע פארבינדונגען מיטן שר, האט מסכים געווען צו גיין מיט נחמן צום שר, און דורך אביסל שוחד האט דער שר געגעבן א רשיון פאר נחמן.

נחמן האט געדאנקט די צוויי אידן און איז אהיים געפארן מלא שמחה און געגעבן א שבח והודאה פארן אויבערשטן, ווען הגאון הקדוש ר' שאול בראך זצוק"ל האט געהערט די מעשה האט ער געטייטשט אֲשֶׁר פִּיהֶם דִּבֶּר שָׁוְא: אז דאס וואס די גויים רעדן איז פוסט, איז פשוט, אבער יעצט זעהט ער אז אפילו וִימִינָם, וואס זיי שרייבן מיטן רעכטן האנט, יְמִין שָׁקֶר איז אויך ליגענט. נחמן האט געעפענט זיין שענק און געהאט פון דעם שיין פרנסה אסאך יארן! זיע"א.


הוצא לאור ע"י "עולם הספרים" מרכז העולמי לספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד צו פארקויפן

לאנגע בריוו פון הרה"ק ר' דוד צבי שלמה מלעלוב צו הרה"ק ר' חיים שמואל מחענטשין $10000 תהלים צפת תקצ"ג זייער זעלטן $25000 תיקון ליל שבועות זיטאמיר תרכ"ב מצב מפואר $2800 סעט שו"ע זיטאמיר חסר או"ח ח"ג $3000 טור אבהע"ז וחו"מ סלאוויטא $600 ירושלמי דפוס זיטאמיר מצב מפואר כריכת עור מעיר סאטמאר נייר לבן, $3500 שו"ע יו"ד ח"ב וחו"מ ח"א סלאוויטא $6000 ספר אמרי יהודה מהגה"ק מסעקלעהיד עם ב' חתימות מהגאון ר' יחיאל מיכל הכהן פריעד בעל תורת יפה בנו של הגאון רב נתנאל בעל פני מבין $2500 מהר"ם שיק עם חתימת וחותמת הגאון ר' אליעזר צוקער מבערגסאז עם ב' הגהות ממנו $3000 ספר מטה משה ב' חתימות מהגאון ר' יחיאל מיכל הכהן פריעד בעל תורת יפה עם הגה $2500 18 גמרות זיטאמיר ריגאל עם הג' בבות יבמות גיטין ועוד רובם מצבים מצויינים $35000 נ"ך זיטאמיר ח"ג $400 נ"ך זיטאמיר ח"ד $400 מכתב הגאון ר' יונתן שטייף תש"א מבקש מר' יעקב רוזנהיים להצילו $1800 זוהר סלאוויטא תקפ"ז מצב יפה $26000 תקוני זוהר סלאוויטא ר' משה $8500 קדושת יו"ט דפו"ר שייך לבעל חלקת יהושע $1200, ספר שיטה מקובצת עם הקדשת הגאון ר' אברהם קאלמנאוויטש $800 חומש תורה תמימה ד' חלקים הקדשות ארוכות של האדמו"ר בעל אמונת אברהם מפיטסבורג זצוק"ל $1800 חיי אדם זיטאמיר $800 אדמור"י מלכות בית טשערנאביל $400 ספר מהר"ם שיק עם הקדשת הקרן לדוד $2800 ספר צדקת יוסף עם הקדשת הרבי מפיטסבורג הר"ר מרדכי זצ"ל $500 ספר עם חתימת הגאון בעל חמדת שלמה והרה"ק ר' יעקב אדמו"ר מיעזוב בן הרה"ק מטשעבנאוו $3500

To 4403 - 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA ~ 718 - 438 - 8414 ~ 718 - 633 - 5500 Hours are 12 -7:30 Fri 11-1:30,

**receive the pardes: pardesyehuda1@gmail.com or pickup in the store from Wednesday. check out our website** ***www.seforimworld.com.***

***WE sell old USA coins and supplies albums coin holders also silver coins for Pideon Haben***